Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 4 | Łódź, Sroda 4 stycznia 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ז' טבת תרצ"ג | № 4

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# פוילישע נאטע צו ענגלאנד

## פראטעסט'רט געגען אויסנוצן דעם ענגל'שן ראדיא אויף אנטי-פוילישע ראפאגאנדע

לאנדאן, 3 (ספ. טעל.)

דער פוילישער אמבאסאדאר אין ענגלאנד סקירמונט האט איבערגעגעבען דעם ענגלישען אויסערן-מיניסטעריום א נאטע, אין וועלכער ער מאכט אויפמערקזאם די בריטישע רעגירונג אויפ'ן פאקט פון אויסנוצען די לאנדאנער ראדיא-סטאציע צו א פיינדליכער פראפאגאנדע געגן פוילן. די נאטע ברענגט א מאל וואס האט פאסירט אין דער סילוועסטער-נאכט, ווען דער ענגלישער „ספיקער" האט געזאגט דורך ראדיא פאלגענדע ווערטער:

איצט טראנסמיטירען מיר דורכ'ן פוילישען „קארידאר", וועלכער צוטיילט דייטשלאנד אויף 2 טיילען. קיין ווארשא, די הויפט-שטאדט פון נייעם לאנד פוילען, וועלכע גיט אויס א דריטעל פון איר בודזשעט אויף אויסצוהאלטען א גרויסע ארמעע.

די פוילישע נאטע פראטעסטירט געגען בענוצען דעם ענגלישען ראדיא צו אנטי - פוילישער פראפאגאנדע און פאדערט. אין אינטערעס פון די גוטע בעציהונגען צווישען ביידע לענדער, אז דער אינצידענט זאל אויסגעפארשט ווערען, כדי אזעלכע זאכען זאלען זיך מעהר נישט איבער'חזרן.

### ערמארדעט אוז בערויבט א יודישען סוחר אין לובלין

לובלין, 13 (ספ. טעל.)

לעבען דארף פאלניבקא זענען באנדיטען אנגעפאלען אויף א פוהר מיט יודישע סוחרים, וועלכע זענען געפאהרען פון זאמאשטש. דער יודישער סוחר בלייכער איז דער'הרג'עט געווארען. דער פיהרמאן איז שווער פערוואונדעט געווארען. די באנדיטען האבען צוגערויבט די גאנצע סחורה.

זאל פילהארמאניע

נארוטאוויטשא 20

דינסטאג, דעם 10 יאנואר 1933, 9 א זייגער אווענד

גרויסער דיסקוסיע-אווענד איבער'ן פאמיליען-לעבען

א. ג.

# דער צווישן מאן און פרוי

## ווער איז גערעכט?

עס וועלען רעפערירען די בעריהמטע יודישע שריפטשטעלער:

## יואל מאסטבוים
## מלך ראוויטש
## אהרן צייטלין

טעזען:

1) דער ריטער, דער הערשער און דער דאן-זשואן; 2) די „פרייע ליבע" פון דער פרינצעסין און די ליבע פון דער איינפאכער פרוי; 3) ווי זעהט אויס די פאמיליע היינט און ווי אזוי איז דער וואונש, אז זי זאל אויסזעהען? 4) וואס זאגט דער דאקטאר צו די היינטיגע פערהעלטנישען צווישען מאן און פרוי? אויף דער גרעניץ פון געשלעכטס-פראבלעם און סאציאלען פראבלעם. — די בעוועגונג פאר געשלעכטס-רעפארם אין אייראפא און אמעריקא. — פרוי, געזעלשאפט און קומענדיגער וועלט-קריג. — פרויען-פראגע, יודען-פראגע, ארבייטער-פראגע. — פאר און נעגען די מאדערנע טענדענצען פון פאמיליען-לעבען. — די אייביגע צוויי און זייער בענקשאפט צים דריטען. — די סעקונדאנטען פון דעם דועל און די דועלאנטען; 5) עמאנסיפאציע; 6) צי איז מעגליך א אמת'ע פערשטענדיגונג צווישען מאן און פרוי? שלום-וואָרט.


## אויגען-קליניק

מיט שטענדיגע בעטען פון

## Dr. B. Donchin

פיעטריקאווער 90, טעל. 221-72

נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפע-ראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9—1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

1604

## Dr. Wajnberg

ספעצ. פון הארץ-און לונגען-קראנקהייטען

ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוועגד.

## Dr. I. Czarnożył

צוריקגעקעהרט.

אל. קאשטשושקי 69, טעל. 224-94.

עמפפאנגט פון 9—10.30 און פון 4—6 נאכמיטאג.

## דאנקזאגונג.

דערמיט דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען דאנק דעם ה' דאקטאר

## עליאש גוטמאן

26 גדאנסקא 26

פאר זיין פולשטענדיג אויסקורירען אונזערע 2 קינדער פון א שווערער קראנקהייט. מיר ווינשן איהם גרויס ערפאלג אויפ'ן מעדיצינישען געביט.

מיט אכטונג

עלטערן ווייסמאן, פאדזשעטשנא 12.

## פאר גאלד, בריליאנטען, בישוטעריע

און לאמבארד-קוויטען

צאהלט די העכסטע פרייזען

אייזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

אכטונג! זעהר וויכטיג! אכטונג!

## קאלאניאל-קליינהענדלער

אלע קאלאניאל-סוחרים, וואס האלטען פאפיראסען און עס שטעהט זיי פאר היזק צו האבען צוליב דם פרייז-דיפערענץ ביי די פאפיראסען, וואס ס'איז זיי געבליבען נאך דעם 1-טען יאנואר, ווערען געבעטען אין זייער אייגענעם אינטערעס זיך צו מעלדען היינט, מיטוואך פון 7 ביז 7.30 אין אוועגד אין צענטראלען קליינהענדלער-פעראיין, פאמארסקא 15, וואו מען וועט זיך בעמיהען דעם דיפערענץ צוריק צו בעקומען. גלייכצייטיג וועט בעהאנדעלט ווערען די בעקער-פראגע און שטעמפלען די וואגען און געוויכטער.

מיט אכטונג די פערוואלטונג.

בעמ.: ס'איז אונבעדינג נויטיג מיטצוברענגען דאס איינקויף-ביכעל פון 1932.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער שווערגעטראפענער

## פאמיליע גראסס,

צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער טייערע און אונפערגעסליכע טאכטער

# נ"ע טויבעלע

זייט געטרייסט מיט המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

דאס פערסאנאל

פון דער פירמע י. גראסס

לאדז, נאוואמיעיסקא 11.

5710

אונזער תשוב'ע פערוואלטונגס מיטגלידער

## ברידער יאבלאנסקי

צוליב'ן טויט פון זייער אונפערגעסליכען

# פאטער נ"ע

דריקט אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל

די פערוואלטונג און פערסאנאל

פון קאלאניאל-הענדלער-פעראיין

שרודמיעסקא 20.

5772

